**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/22/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר קעטי האקול מעלדט נייע ALCOA פאוויווער קאנטראקט שטיצנדיג 500 דשאבס און לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונגען אין די נארט קאנטרי

***אונטערגעשריבן קאנטראקט מיט ניו יארק פאוווער אטאריטעט פאר נידריגע-קאסט היידראו-פאווער אריינגערעכנט אלומינום מעניופעקטשערער'ס פארפליכטונג פון 30 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונגען***

***ניו יארק סטעיט שטעלט אויך צו 6.2 מיליאן דאלאר אין אינצענטיוון פאר Alcoa פאר איר כמעט 60 מיליאן דאלאר ווידער-אויפבוי און מאדערנעזירונג פון א טייל פון די מאסענע פלענט***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א נייע פאוווער סופליי קאנטראקט צווישן די ניו יארק פאוווער אטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) און Alcoa, א פירנדע אלומינום פראדעצירער און איינער פון די נארט קאנטרי'ס גרעסטע ארבעטסגעבער. די קאנטראקט נעמט אריין א פארפליכטונג פון 30 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונגען און שטיצט 500 דשאבס ביי Alcoa'ס מאסענע פלענט פאר די קומענדיגע 10 יאר.  אין צוגאב צו די קאנטראקט, וועט Alcoa אינוועסטירן כמעט 60 מיליאן דאלאר ביז 2028 צו ווידער אויפבויען און מאדערניזירן א טייל פון די פלענט. די אינוועסטירונג איז ערמעגליכט געווארן דורך די נייע ענערגיע קאנטראקט ווי אויך דורך א 5.2 מיליאן דאלאר קאפיטאל גרענט און 1 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיער דשאבס פראגראם (Excelsior Jobs Program) שטייער קרעדיטס פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development, ESD). די פארבעסערונג וועט סטאביליזירן די פראצעדור און פארשנעלערן אפערירונג.

"דורך פארזיכערן גוט-באצאלטע דשאבס און ברענגען אינוועסטירונג, טוט די אפמאך פארזיכערן אז Alcoa וועט ווייטער פארמאגן א גרויסע ווענזהייט אין מאסענע בשעת'ן שטיצן ניו יארקער פאמיליעס און קאמיוניטיס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די אלומינום מעניופעקטשערינג אינדוסטרי האט געשפילט א באדייטנדע ראלע אין די לאנד'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג, און ניו יארק'ס Alcoa פאסיליטעט איז געשטאנען ביים שפיץ, טרייבנדיג עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייט אין די נארט קאנטרי."

די היינטיגע מעלדונג פון א אונטערגעשריבענע קאנטראקט דורך Alcoa און די פאוווער אטאריטעט פאלגט נאך די באשטעטיגונג פון די ענדגילטיגע קאנטראקט טערמינען דורך די פאוווער אטאריטעט'ס באורד פון טראסטיס און גאווערנאר Hochul (האקול). די קאנטראקט רעכנט אריין א 240-מעגאוואט (MW) אלאקאציע פון נידריגע-קאסט פאוווער דורך איר פרעזערווירונג פאוווער (Preservation Power) פראגראם פאר Alcoa פאר איר מאסענע פלענט אין סעינט לארענס קאונטי. די פאוווער אלאקאציע וועט שטיצן Alcoa'ס אפעראציעס ביז מערץ 31, 2036, מיט אפציעס פאר נאך צוויי פינעף-יעריגע פארלענגערונגען, געוואנדן אין אויב זיי האלטן אן א מיונימום פון 500 דשאבס גלייך צו פול-טיים דשאבס און געהעכערטע קאפיטאל אינוועסטירונגען. Alcoa האט אויך מסכים געווען צו אינוועסטירן א מינימום פון 30 מיליאן דאלאר אין די פלענט'ס אפעראציע איבער א תקופה פון צעהן יאר. אויב מארקעט

אומשטענדן ערלויבן עס, קען Alcoa פארלענגערן די קאנטראקט מיט נאך צעהן יאר, וואס דאס וועט ברענגען קאפיטאל אינוועסטירונגען מיט א סך הכל פון 145 מיליאן דאלאר איבער א תקופה פון 20 יאר.

הויפט פרטים פון די Alcoa קאנטראקט:

- **פאויווער אלאקאציע קוואנטיטעט:** 240 MW פון נידריגע-קאסט NYPA היידראו-פאויווער וועט ווערן צוגעשטעלט ביז מערץ 31, 2036.
- **פארפליכטונג איבער איינגעשטעלטע:** Alcoa וועט אנהאלטן א מינימום פון 500 דשאבס וואס זענען גלייך צו פול-טיים דשאבס ביי איר Massena West Plant, *א העכערונג פון די פאריגע פארפליכטונג פון 450 דשאבס.*
- **קאפיטאל אינוועסטירונגען:** אונטער די אפמאך, וועט Alcoa אינוועסטירן ווייניגסטנס 3 מיליאן דאלאר א יאר אין די פאסיליטעט, מיט א סך הכל מינימום אינוועסטירונג פון 30 מיליאן דאלאר איבער די ערשטע 10-יעריגע טערמין. ווי אויך, וועט Alcoa האבן די אפציע צו פארלענגערן די קאנטראקט מיט נאך צוויי פינעף-יעריגע טערמינען אויב זיי מאכן אינוועסטירונגען פון 70 מיליאן דאלאר ביז יאר 2035 און נאך 60 מיליאן דאלאר ביז 2040.
- **פלענט מאדערניזירונג:** אין צוגאב צו די קאנטראקט, וועט Alcoa אינוועסטירן כמעט 60 מיליאן דאלאר ביז 2028 צו ווידער אויפבויען און מאדערניזירן Massena Operations' ענאוד בעיק פורנעיס, א וויכטיגע חלק פון די אלומינום שמעלצונג פראצעדור.

**ניו יארק פאויווער אטאריטעט פארזיצער John R. Koelmel (דשאן ר. קאולמעל) האט געזאגט,** "די ניו יארק פאויווער אטאריטעט'ס באנייאונג פון אונזער שותפות מיט Alcoa איז עדות צו אונזער פארפליכטונג צו טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג דורכאויס ניו יארק. דורך צושטעלן נידריגע-קאסט היידראו-פאויווער, טוען מיר פארזיכערן אז Alcoa קען זיך ווייטער פארמעסטן צו קענען אנגיין מיט אירע אפעראציעס, אינוועסטירן אין אירע פאסיליטעטן, און אנהאלטן פאמיליע-אויסהאלטנדע דשאבס אין די נארט קאנטרי."

**ניו יארק פאויווער אטאריעט פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקאל)** האט געזאגט, "Alcoa איז שוין א וויכטיגע חלק פון די נארט קאנטרי עקאנאמיע פאר מער פון 120 יאר. מיט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) שטיצע, טוט די נייע קאנטראקט מיט איינער פון די פאויווער אטאריטעט'ס עלטסטע קאסטומערס פארזיכערן וויכטיגע דשאבס און באדייטנדע קאפיטאל אינוועסטירונגען אין די ראיאן. מיר זענען שטאלץ צו אנגיין מיט אונזער שותפות מיט Alcoa און צו שטיצן זייער וואוקס און אינוועסטירונג אין די קאמיוניטי."

**Alcoa פרעזידענט און CEO William F. Oplinger (וויליעם פ. אפלינגער) האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו מאכן אלומינום און ניו יארק און אין די פאראייניגטע שטאטן. אויפ'ן לאנגן טערמין, טוט ענערגיע פאר א גוטע פרייז ערמעגליכן Alcoa צו ווייטער גיין מיט די וויכטיגע אינוועסטירונג וואס וועט אונז העלפן נאכקומען די יעצטיגע פארלאנגען בשעת'ן פלאנירן פאר'ן צוקונפט. מיר זענען שטארק צופרידן צו האבן געארבעט מיט NYPA און ESD צו דערגרייכן די רעזולטאט פאר אונזער Massena Operations, וואס וועט ברענגען עקאנאמישע בענעפיט פאר די ראיאן און אנהאלטן אמעריקאנער מעניופעקטשערינג."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "מיט איר איבער 100 יאר פון היסטאריע אין מאסענע, האבן Alcoa מיט אירע איינגעשטעלטע אין די נארט קאנטרי אנטוויקלט טעכנעלאגיעס און פראצעדורן וועלכע האבן געהאלפן פארעמען די מאדערנע וועלט. א דאנק שטיצע פון גאווערנאר Hochul (האקול) און ניו יארק סטעיט, וועט Alcoa ווייטער פראדעצירן הויכע-קוואליטעט אלומינום פאר וויכטיגע אינדוסטריס, שטיצן ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס, און טרייבן אינאוואציע."

**ווילעדש פון מאסענע מעיאר Greg Paquin (גרעג פאקין) האט געזאגט,** "די באשטעטיגונג פון די נייע קאנראקט טוט פארזיכערן אנגייענדע דשאב וואוקס, דשאב שאפונג, און אינוועסטירונג ביי Alcoa's Massena Operations. גאווערנאר Hochul's (האקול) באשטעטיגונג שטרייכט אונטער די אנהאלטנדע שטארקייט פון סעינט לארענס קאונטי'ס שותפות צווישן Alcoa און NYPA."

**טאון פון מאסענע סופערוויייזאר Susan Bellor (סוזען בעלאר) האט געזאגט,** "די נייע Alcoa קאנטראקט וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) איז באגריסנדע נייעס פאר סעינט לארענס קאונטי און פאר די נארט קאנטרי. אלומינום מעניופעקטשערינג איז געווען די יסוד פון די ראיאן פאר לאנגע יארן, און די נייע קאנטראקט טוט אנדייטן ווייטערדיגע עקאנאמישע סטאביליטעט פאר פיל קומענדיגע יארן."

**סעינט לארענס קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער David Forsythe (דעיוויד פארסיט) האט געזאגט,** "די אפמאך רעפרעזענטירט א וויכטיגע שותפות צווישן Alcoa און די ניו יארק פאויווער אטאריטעט. אן אפמאך וואס פארזיכערט 500 גוט-באצאלטע דשאבס, טרייבט ווייטערדיגע אינוועסטירונג אין אונזער ראיאן, און פארזיכערט אז אונזערע קאמיוניטיס בענעפיטירן פון די פאראנטווארטליכע באניץ פון אונזערע לאקאלע היידראו-פאויווער ריסאורסעס."

די קאנטראקט פראוויזיעס בויען אויף א זיבן-יעריגע אפמאך באשטעטיגט דורך NYPA אין 2019. די 2019 אפמאך האט צוגעשטעלט 240 MW פון נידריגע-קאסט סעינט לארענס-FDR היידראו-פאויווער אין איסטויש פאר Alcoa's פארפליכטונג צו אנהאלטן 450 דשאבס ביי די אלומינום פירמע'ס שמעלצונג פלענט אין מאסענע.

פירמעס ווי Alcoa שפילן א וויכטיגע ראלע צו צושטעלן מאטריאלן וואס זענען וויכטיג פאר פארשידענע אינדוסטריס, אריינגערעכנט די קארן און עראפלאן אינדוסטריס, און קאנסטרוקציע. די סעקטאר'ס ביישטייערונגען זענען שטארק וויכטיג געווען פאר נאציאנאלע וואוקס און אינאוואציע. Alcoa איז איינער פון די ערשטע קאסטומערס צו באקומען פאויווער פון די פאויווער אטאריטעט'ס סעינט לארענס-FDR פאויווער פראיעקט ווען די פלענט האט זיך געעפענט אין 1958. דאס אונטערשרייבונג פון די קאנטראקט צייכנט אפ נאך א באדייטנדע דערגרייכונג אין גאווערנאר Hochul's פארפליכטונג צו שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג און דשאב אנהאלטונג אין די נארט קאנטרי. NYPA's פרעזערווירונג פאויווער פראגראם באניצט זיך מיט נידריגע-קאסט היידראו-עלעקטרישע פאויווער פון די סעינט לארענס-FDR פאיווער פראיעקט צו שטיצן ביזנעסער אין סעינט לארענס, פרענקלין און דשעפערסען קאונטיס. Alcoa האט אונטערגעשריבן איר אריגינעלע קאנטראקט מיט NYPA אין יולי 1955, מער ווי דריי יאר איידער די סעינט לארענס-FDR פראיעקט—די פאויווער אטאריטעט'ס ערשטע דשענערעיטינג פלענט—האט אנגעפאנגען פראדעצירן עלעקטריסיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן